YP 2505.91

# אויפסניי

פערטל יאָר־שריפט פאַר ליטעראַטור און קולטור־פּראָבלעמען

## אינהאַלט


אברהם פּאָמערשטיין:
בין־השמשותדיקע שעה (ליד)
נחום סומער:
פון מיין נאָטיץ־ביכל: א) אַ וואָרט וועגן שלום אַש;
ב) מחשבות וועגן קריטיק; ג) ווילדע געוויינען.
דוד ראַפּאַפּאָרט:
„און דאָך יעדער טויטעט די זאַך וואָס ער ליבט"...
אברהם פּאַט:
שרייבער און ביכער: א) א. לעיעלעס;
ב) לוי גאָלדבערג
שיינדל קעלמאַן:
אימפּרעסיעס
שמעון וואַזשעק:
דער דעמב (ליד)
שין רעגי:
לייענענדיק ביכער, צייטונגען און זשורנאַלן
חיים קרוגעק:
ממעמקים (ליד)
בערל בוים:
דער אָפּקלאַנג פון דורות
משה צוקער:
פליכט און פּריוויליקייט (עסייעט)
עזריאל גראַבעלסקי:
די איינזאַמע (דערציילונג)
ד. ר.:
אין יידישלאַנד (ליטעראַרישע נאָטיצן)
אַ בריוו פון מענדל אַקערמאַן



17

האַרבסט — 1957
פינפטער יאָרגאַנג

איין דאָלאַר אַ יאָר
25 סענט אַ קאָפּיע

OIFSNAI — A QUARTERLY LITERARY REVIEW

*Edited by*—N. SUMMER

VOL. V — AUTUMN. 1957 — No. 17

*Subscription $1.00 a year*


HARVARD UNIVERSITY LIBRARY NOV 1957

„איך וואוין אַליין אין צוויי צימערן, זאָרג זיך ניט פאַרן מאָרגן, ספּעציעל דאָ ביים טאַנץ".

דאָס מיידל כאַפּט איר מאַנטל פון שטול און ענטפערט אים פאַרדריסיק:

„איך גיי אַרויס אין דער „לאַבי", אויב איר ווילט קומט אויך!"

„אַ דאַנק", ציילט אויס פרענק אַ פּאָר ווערטער, „איך מוז נאָך טאַנצן!"

מאַשאַ פאַרלאָזט דעם זאַל, איילט זיך צום ליפט. זי איז אויפן וועג צו אירע עלטערן.

---

# אין יידישלאַנד

(ליטעראַרישע נאָטיצן)

## א. לוצקי ע"ה

אַ לוצקי — דער אייגנאַרטיקער אוניווערסאַלער פּאָעט, גלאָריפיצירער פון דער שיינ־קייט פון לעבן, מענטשן, פלאַנצן, חיות, אינזעקטן, נאַטור און זאַכן — איז פרייטיק פאַרטאָג דעם 13טן סעפּטעמבער 1957 פּלוצים געשטאָרבן. מיט זיין לייכטן, שפּרודלדיקן, פרישן פּערז האָט ער געקוויקט און מחיה געווען טויזנטער יידיש לייענערס און צו־הערערס. מיט זיינע אָפטע קינסטלערישע קאָנצערט־אויפטריטן אויף ליטעראַרישע יום־טובים, מיט לייענען און אויפשפּילן זיינע לידער, האָט ער זיך געמאַכט באַליבט אין אַלע יידיש קולטור־קרייזן. ער איז געווען צווישן די פּאָפּולערסטע יידישע פּאָעטן אין אַמעריקע; אַ דיכטעריש שיינדל אויף די גאַסן פון דער ניו יאָרקער מעטראָפּאָליע. צו זיין לוויה זיינען געקומען כמעט אַלע ביי וועלכען ס'ליב און ס'טייער דאָס יידישע וואָרט. אויף דעם האַרטן אומפּאָעטישן באָדן ביי אונדז איז ער געווען אַן אַקערער און אַ פאַרזייער פונעם שיינעם יידישן ליד צווישן די גרויסע מאַסן. ער וועט אונדז אויספעלן; אָן אים וועט אונדז זיין אומעטיק. זיינע לידער וועלן נאָך אָנהויכן מיט פּאָעטישער תאווה דורות און דורות אָפּנעמערס פון אונדזער האַרציק יידיש וואָרט.

### קריטיק

ס'גישט אונדזער עובדה אָפּצוענטפערן אויף קריטיק, אָבער דער יצר־הרע האָט אונדז אָנגערעגט מתקנא זיין זיך אין האַרווי בראַיט — אָנפירער אין די זונטיק־נומערן „נ. י. טאַימס" אַ מין „אויפן ליטעראַרישן יאַריד", („אין ענד אַוט אָוו בוקס") — ווען ער האָט אויסגעוואַשן ווי אַ סקאָטלענדישן הערינג דעם אירלענדישן פּאָעט פּעטריק קאַוואַנאָ, פאַר אָפּשפּיגלען אין אַ קרומען שפּיגל אין „אַ פּעני אויסגעמוטשעטן נודנעם אַרטיקל" זיין באַריכט אין דער „איריש טאַימס" א. נ. „די פּאָעטישע סיטואַציע אין אַמעריקע"; (נ. י. טאַימס 18טן אויגוסט 1957) — האָבן מיר זיך געטראַכט: אויב אַ מיטאַרבעטער פון דער „טאַימס" מעג זיך אָננעמען דעם כבוד פון דער ליטעראַרישער אַמעריקע, מעג אַ מיט־אַרבעטער פון „אויפסניי" זיך אָננעמען דעם כבוד פון אַ קליינעם זשורנאַל, וואָס קעמפט מיט ציין און נעגל פאַר זיין עקזיסטענץ. אונדזער אייגענער לעבעדיקער פאַרצייכנדיק פיר יאָר „אויפסניי" איז אַריינגעפאַלן אין אַזויפיל בטלנותדיקע שטותערייען אַז אָסור אויב דאָס האָט צוטאָן מיט ליטעראַטור קריטיק — גיכער איז דאָס קיביצאַרניע שטאָף. למשל: פונוואַנען ווייסט ער, אַז דער רעדאַקטאָר „מוז אַרומגיין אַרום זיינע ,שותפים' אין זיידענע שטעק־שיך און טאַקע מיט אַ „כינעזישן קראַצערל" אין האַנד?" פון וואַנען ווייסט ער אַז די „צופעליקע גרופּע איז ווייט ניט נאָר פון יונג זיין — נאָר אַפילו פון מיטעלע יאָרן?" און זינט ווען זיינען „אַלטע זינג־פייגעלעך" פּסול? אַ ביישפּיל: ה. רויזענבלאַט. און וואו שטייט געשריבן אַז מיטאַרבעטער פון אַ נייעם זשורנאַל מוזן דווקא זיין אַ האָמאָגענישטישע גרופּע? מוזן אַלע יונים האָבן איין פּנים?! און פונוואַנען ווייסט דער

„לעבעדיקער” אַז „ביים קלענסטן טעות אין יאָ דרוקן צי ניט דרוקן — קאָן זיך דערהערן אַ קלאַפּ אין טיר אַז די פּענצטער זאָלן פּלאַצן, צוזאַמען מיט דער קולטור אונטער־נעמונג?” אָבער גענוג וועגן די נישט־געשטויגענע נישט געפלויגענע פון פינגער אויס־געזויגענע זאָגעכצן — ערגער איז נאָך ווען דער „לעבעדיקער” ווערט אימפּאָנירט פון זיין דערפינדערשן וואָרט־שפּיל: „עסיי—עס־היי”, אַזש ער האָט דאָס צוגעשניטן אין אַ העמדעלע און דאָס אָנגעמאָסטן (צי ס'פּאַסט — צי ס'פּאַסט נישט) די „אויפסניי” שרייבערס. און איבערהויפּט דעם פּרעציזן שרייבער פון שטילע טענער נחום סומער. מילא, וואָלט דאָס געווען זיין אויפריכטיקע מיינונג קען מען קיין טענות נישט האָבן, אָבער מיט אַ פּאַראַגראַף פריער (און אויך אין זיינע אָפּשאַצונגען פון פריערדיקע נומערן) זאָגט ער וועגן זעלבן שרייבער: — „דער רעדאַקטאָר סומער האָט זיכער עסייאיסטישן טאַלאַנט, אַן עכאָ פון טאָראָ־עמערסאָן” (טאָג־מאָרגן זשורנאַל 21טן יולי 1957) ממה נפשך?! — וועגן אַ צווייטן שרייבער און זיין דערציילונג, ווען ס'סטאַיעט אים שוין נישט קיין מוט צו דערמאָנען גיט ער אַ זאָג: „רויע מעשה־דערציילער, וואָס פאַרנעמען די גרעסטע צאָל זייטן — און גיבן גאָרנישט...” אַזוי אַוועקמאַכן מיט דער האַנט אַ גרעסערע אַרבעט פון אַ מענטשן מיט פינף און צוואַנציק יאָר שרייבערישן סטאַזש ווען די דער־ציילונג — אַן אויספירלעכע שילדערונג פון אַמאָליקן לעבן אויף דער איסט סייד מיט אַ כאַראַקטעריסטיק פון אַ טיפּ, וואָס קריצט זיך איין אין זכרון, און וואָס האָט גראָד אַרויסגערופן וואַרעמע אָפּרופן פון אונדזערע אינטעליגענטע לייענערס און אייניקע האָבן די דערציילונג אַפילו באַצייכנט אַלס „מעסטער־פּיס” (בערל בוימס „מיין פריינט דער בעל־מום”) — באַווייזט בלויז די גרינגשעצנדיקע באַציאונג פון אונדזער קריטיקער. פונעם „לעבעדיקן” האָבן מיר דאָס נישט דערוואַרט...

## כראָניק

דעם 28טן אויגוסט ה. י. איז נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט געשטאָרבן רחל אַקערמאַן — די פרוי פונעם שרייבער מענדל אַקערמאַן. זי איז געבוירן געוואָרן אין זשיטאָמיר מיט 62 יאָר צוריק. אין איר היים האָט זי אַלעמאָל אויפגענומען שרייבערס מיט ליבשאַפט, וואַרעמקייט און פאַרערונג. כבוד איר אָנדענק. ■ די פרוי און טאָכטער פון א. פּאָסירשטיין ע״ה האָבן אונדז צוגעשיקט אַ וואַרעמען דאַנק־בריוו פאַר דורכפירן מיט אַזויפיל כבוד און פאַרערונג דעם יאָרצייט פון אונדזער יונג־אַוועקגעגאַנגענעם קאָלעגע. זיי דריקן אויס דעם וואונטש אַז מיר זאָלן אויך להבא אָנהאַלטן אָט די שיינע טראַדיציע. ■ אַפּאַטיע—ליטעראַטיע: דער ענערגישער — פול מיט פלענער — מלך ראַוויטש איז מיט אַ צייט צוריק אַרויס־געקומען מיט אַ גראַנדיעזן פּראָיעקט פאַר דער „פרייע אַרבעטער שטימע” וועגן שאַפן אַ רובריק פון וועלט־נייעס פון יידיש־שרייבערס און זייערע אַקטיוויטעטן — אַ פּראָיעקט וואָס האָט געדאַרפט אָנכאַפּן פייער אין די ליטעראַרישע קרייזן — אָבער שאַ־שטיל! עפּעס הערט מען נישט, אַז די רעדאַקציע פון דער „פר. אַרבט. שט.” זאָל פאַרוואָרפן ווערן מיט בריוו פון שרייבערס, שטיצנדיק דעם פאָרשלאַג. ■ האַרציקע ברכות צו אונדזער טייערן ליבן קאָלעגע דניאל טשאַרני צו זיין ווערן אַ בן שבעים! אויף צו להכעיס דעם מלאך המות זאָל ער מיט אונדז זיין עד מאה ועשרים! ליבע איז שטאַרקער פון קראַנקהייט! ■ חיים קוזנעץ האָט אַרויסגעגעבן אַ ניי בוך א. נ. „אַ מענטש טראַכט”, עסייען וועגן פאַרשיידענע פּראָבלעמען פון מענטש און לעבן. ■ ד״ר מנחם ג. גלען האָט אַרויסגעגעבן אַ ספר אין ענגליש וועגן דעם גאון פון 19טן יאָרהונדערט, ישראל סאַלאַנטער. ס'איז אַ וואָגיקער צוטראָג צו דער יודאַאיסטישער ליטעראַטור. ד״ר גלען האָט זיך קונה שם געווען מיט אַנדערע וויכטיקע ווערק, צווישן זיי אַ בוך אין יידיש איבער רש״ין. ■ מ. קראַוועץ האָט פאַרעפנטלעכט אַ בוך א. נ. „אַ נייער באַגינען”. ס'זיינען עקזאָטישע דערציילונגען וועגן בראַזיאגעס „אויף די וועגן פון ווינט”. אין בוך זיינען אויך פאַראַן אויטאָביאָגראַפישע סקיצן מיט אַ נאָסטאַלגישן הינטערגרונט. ■ יעקב כהן האָט ערשט אַרויסגעגעבן אַ ניי בוך א. נ. „לעבן און טראַכטן: 26 עסייען איינגעטיילט אין דריי טיילן, לעבן, פאָלק און זיין; שרייבער און ווערק. דאָס בוך איז זייער שיין אַרויסגעגעבן.

ד. ר.

---

מיט רעדאַקציאָנעלע און געשעפטלעכע ענינים זיך ווענדן צו:

N. SUMMER • 3225 OLINVILLE AVENUE, BRONX 67, N. Y.